אין זיך נומ׳ 31 יאַנואַר 1937

### וואָס אַ פעליעטאָניסט קאָן אַלץ פאַרדריסן

פאַרגינען מיר דער דאָזיקער מעי וועסט דעם האַלבן מיליאָן דאָלאַר, וואָס זי מאַכט יעדן יאָר, אַבער פאַרדריסן פאַרדריסט אונדז דער אייסעק פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט. עס פאַרדריסט אונדז, וואָס זי מאַכט די גרויסע סומען געלט ניט דערפאַר, וואָס זי האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, נאָר דאַווקע דערפאַר, וואָס זי האָט — פאַרקערט! . . .

צ. ה. רובינשטיין, „טאָג", יאַנואַר 9.

# רעפלעקסיעס

## וועגן איינעם אַ דורכפאַל

אין די אַמעריקאַנער זשורנאַלן רעדט מען אין דער לעצטער צייט אַסאַך וועגן פּאַרטייאישקייט (אָדער אומפּאַרטייאישקייט) און קונסט. בלויז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָב איך געלייענט אַרטיקלען פון קאַלווערטאָן וועגן דעם טראַגי־קאָמישן איינפלוס פון סטאַליניזם אויף ליטעראַטור (אין „סאַטורדעי רעוויו אָוו ליטעראַטיור"); וועגן דעמזעלבן איניען פון עדמאָנד ווילסאָן און מאַלקאָלם קאַולי (אין „ניו ריפּאָבליק"); וועגן קונסט פאַר קונסט (אין אַן אַנדער נומער פון דעם „סאַטורדעי רעוויו") און אַזוי ווייטער.

אין אידיש קומען בכלל פאַר ווייניק דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור, ספּעציעל לעצטנס. ווער האָט עס געדולד? ווי האָט אַמאָל אַ כאָשעווער אידישער שרייבער געזאָגט: ס'איז אַזוי אויך שווער צו לעבן. ווען איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געלייענט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אַ פעליעטאָן פון אַלסי'ן, וואו נייקייט און ריכטונגען זענען נאָכאַמאָל מיט דערפאָלג אויסגעלאַכט געוואָרן, האָב איך זיך אַפילו אַביסל פאַרכידעשט. וואָס ווידער פלוצלונג? האָט מען דען שוין ביי אונדז נישט „איינמאָל פאַר אַלעמאָל" אָפּגעפּאַסקנט, אַז ריכטונגען — שמיכטונגען?

איך מיין, אַז עס וועלן זיך געפינען ווייניק מענטשן, וואָס וועלן איינשטעלן דאָס לעבן מיך צו באַקעמפן, ווען איך וועל זאָגן:

דאָס וואָס הייסט מאָדערניזם אין ליטעראַטור, איז אין אידיש אַ גרינטלאַכער דורכפאַל.

איך מאַך נישט קיין פאַרגלייכן און זאָל מען מיך נישט כוישעד זיין, אַז איך לייד פון עפּעס אַ באַזונדערן רעספּעקט פאַר דער גויאישער גאַס. דאָרטן אויף די שליאַכן פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור איז גאָרנישט אַלץ אַזוי פויגל־דיק, שפּריצט נישט אַלץ מיט טאַלאַנט און גייסט. עס איז דאָרט אין אַ זייער גרויסער מאָס נישט פיל בעסער, ווי אין אידיש. דאָך וואָלט געווען נישט ריכטיק צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם בילעק, וואָס איז פאָרט פאַראַן. לויט טאַלאַנט האָבן מיר זיכער אי אַ קאַלווערטאָן, אי אַן עדמאָנד ווילסאָן, אָדער אַ דזשיימס ט. [illegible] — עפּעס נאָך מיט אַ שמיציק אַרויף. מוט, זעלבשטענדיקייט ווייזן מיר אָבער אַרויס אַסאַך ווייניקער. איך וויל זאָגן דערמיט, אַז דאָרטן ווערן ווייניקסטנס פון צייט צו צייט אויפגעהויבן ליטעראַרישע פראַגן אי פאַר סע, אי אין [illegible] טייכעס צום צאַפּלדיקן אַרום. מען פילט דערביי פאַראַנטוואָרטלעכקייט, [illegible] אויך אַ גרייטקייט דורכצוטראַכטן אַן איניען און אַרויסזאָגן אַ מיינונג — [illegible] פאַר די אָדער יענע מאַכטהאָבנדיקע, אָן מוירע פאַר אויטאָריטעטן. [illegible] און זעסט פאַר זיך אַ מאָדערנעם מענטש, וואָס פאַרשטייט די נייטיקייט

שיטע, וואָס וויל פילן אָבער ניט וויניקער—וויסן. מאָדערניזם איז געוויינלאַך נישט אַפּאָליטיש און קאָן נישט „פייפן" אויף רעוואָלוציע. דער מאָדערניזם נעמט אָן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, ווי אַ נויטווענדיקייט, ווייל זי מיינט העכערע און אַלץ העכערע פאָרמען פון עקאָנאָמיק, טעכניק, געזעלשאַפטלאַכער איינאָרדנונג און גלייכצייטיק — מער אינדיווידועלע פרייהייט, דערהויבנסטע מאָראַל און עטיק. די לעצטע דריי: פרייהייט, מאָראַל, עטיק זענען נישט וויניקער וויכטיק, ווי טעכנאָלאָגיע און פּראָדוקציע־פּיואיקייט. ווער עס לייקנט דאָס, איז טייקעף נישט בלויז קינסטלעריש, נאָר אויך סאָציאַל־פּאָליטיש אַ בורבאָן. מאָדערניזם איז באַוואוסטזיניקייט און קולטור.

ענגער גענומען — אין דער אידישער ספערע — איז מאָדערניזם אַן אַוועק פון יעשיוואָבאָכערישער ראָמאַנטיק, פון רוכהאַקוידעשדיקער באַטלאָנעס, פון מיסטיפיקאַציע לעשעם נאַציאָנאַלן מאָהוס. מאָדערניזם איז נישט קעגן טראַדיציע, אַוואַדע נישט קעגן היסטאָרישער קאָנטינואיטעט און נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, און שוין זיכער נישט קעגן די גרויסע נאַציאָנאַלע אידייען, וואָס די אידישע געשיכטע האָט אויסגעגליט און געפורעמט — אַריינגערעכנט דעם צענטראַלן מעשיכישן יווישער־און אויסלייז־געדאַנק. נאָר דער מאָדערניזם פאָדערט אויך דאָ אַ באַוואוסטזיין, וואָס זאָל באַצייטנס אונטערזאָגן, ווען מען דאַרף פון דער טראַדיציע זיך אָפּקערן, ריכטיקער: גיין ווייטער, העכער. ער פאָדערט אויך, אַז אידייען זאָלן זיין א י ד י י ע ן , און נישט צום טויזנסטן מאָל אונטערגעוואַרעמטע באַנאַליטעטן אָדער אויפּ־ און אַריינגעשרויפטע פּרימיטיווע ראַיוינגרייען. וואָס אַלע כאַפּן זיך גלייך צו אַקלאַמירן: אָט־דאָס איז קונסט, אָט־דאָס איז שיין, אָט־דאָס איז טיף, איז געוויינלאַך נישט קיין וואַזשנע קונסט, נישט שיין און נישט טיף. נאָך ריכטיקער: ס'געהערט צו די אונטערשטע פאַר־שטאַפּלען פון קונסט, וואו די אידיליע און די סענטימענטאַליטעט ליגן, ווי לעמעלאַך אויף אַ „לובאָק".

נאָך ענגער גענומען — אין פּראַט פון אידישן וואָרט — איז מאָדערניזם אַן איינשטעלונג, וואָס האַלט, אַז די מעגלאַכקייטן פון קלאַנג, ריטמיק און מעטער אין אונדזער לאָשן זענען קוים־קוים ערשט באַרירט געוואָרן. אַלע העכסטע דערגרייכונגען, וואָס אַנדערע לעשוינעס האָבן דערגרייכט אין אָט־דעם פּראַט, זענען אויך אין אידיש מעגלאַך. מאָדערן אין ליטעראַטור מיינט: דאָס פּינקטלאַכסטע וואָרט, דעם אַדעקוואַטסטן אויסדרוק, די שאַפערישסטע קאָמבינאַציע. נישט מעגלאַך קיין „גרויסע שרייבער", „גרויסע דיכטער" מיט אַן אָרימען אָדער שלומפּערדיקן לאָשן. קיין „וועדליק" פאַר איזויש, קיין טעריץ, אַז וואָס מען דאַרף יאָ דאָרט, ביי די רייכע ליטעראַטורן, איז נישט „נייטיק" אין אידיש. די באַציאונג צו אַזויגערופענער „פאָרם" וואָס הערשט ביי אונדז, איז אַמאָראַציש און אין פולן זין פון וואָרט אָבסקוראַנטיש. נישט קיין אויסגעדראָשענע „זינגעוודיקע גראַמאַטיק", נאָר לעבעדיקע ,אינדיווידועלע ניי־ריטמען — סיי אין געבונדנסטע גראַם־ און מעטער־קאָמבינאַציעס, סיי אין פרייען פערז. דער מאָדערניזם איז דורכאויס פאַר אידיאָמאַטישע ווענדונגען, ווי די נאַטירלאַכע, נאָרמאַלע ערד און באָדן פון דעם לאָשן. פונדאַנען דאַרף מען אָנהייבן יעדן אָנהויב. אָבער עס איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר ניי־פאָרמירונגען — ביז דעם לאַנצירן, אויפּברעכן דאָס וואָרט גופע פון אינעווייניק אַרויס.

ס'וועט דערווייל זיין גענוג. דאָס געזאָגטע דאַרף, מיין איך, איבערצייגן, אַז מאָדערניזם אין דער ליטעראַטור איז אַ באַשטימטער גאַנג, אַן אינערלאַכער רוף, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מאָדע און פאָדערט אי איבערגעגעבנקייט, אי קאָנאַאישקייט. ווי יעדער אינערלאַכער עמעס, דערלאָזט דער מאָדערניזם נישט קיין קאָמפּראָמיסן, קיין צופאַסלאַכקייט.

אָבער דער איינציקער אויסגעהאַלטענער שטריך פון אונדזער גאַנצן עפּנטלאַכן



קיעם — איצט מער ווי ווען עס איז — איז דאַווקע אַ גרינגפּיסיקע צופאַסלאַכקייט, וואָס דרינגט אַריין אין יעדער שפּאַרונג. זי פאַרמיידט אַפילו נישט צוועקמעסיק צו באַאיינפלוסן דאָס ביסל יוגנט, וואָס האַלט זיך נאָך ערגיץ ביי די ראַנדן פון דער גאַס אונדזערער.

דעריבער זאָג איך:

דער מאָדערניזם אין דער אידישער ליטעראַטור איז אַ דורכפאַל, יעדנפאַלס — לויט די אָפיציעלע, איצט אַלגעמיין־גילטיקע סטאַנדאַרטן און מאַקאָנעס.

און דאָך . . .

אין דעם בוך, וואָס אַנדרע זשיד האָט אָנגעשריבן נאָך זיין צוריקקער פון ראַטנפאַרבאַנד, זאָגט ער (ז. זכריה שוסטערס אַרטיקל אין היינטיקן נומער) צווישן אַנדערם:

ווער וויס, צי אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט נישט ערגיץ דערשטיקט אַ באָדלער, אַ רעמבאָ.

אין אָט־די ווערטער ליגט זייער אַ טיפער זין. פון שטאַנדפּונקט פון אַ פאָלקס קולטור און קונסט זענען אַזוינע „עזאָטערישע" דיכטער, ווי באָדלער און רעמבאָ, נישט וויניקער וויכטיק, עפשער נאָך וויכטיקער, ווי — לאָמיר אָנכאַפּן — אַ וויקטאָר יוגאָ, וואָס האָט מיסטאָמע דירעקטער אויסגעדריקט זיין צייט, געגעבן גראַדליניקער דאָס, וואָס זיין דאָר האָט פאַרשטאַנען און געוואָלט. באָדלער און רעמבאָ האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס דינסטע, העכסטע, די פיינסטע פּראַגראַנץ פון דער פראַנצויזישער קונסט און קולטור. מען קאָן דאָס אייגענע לערנען פאַרקערט: אַ פּרימיטיווערע, וויניקער אַנטוויקלטע קולטור קאָן נאָך ווי עס איז אַרויסברענגען אַ יוגאָ'ן. בלויז אַ זייער הויכע, פולשטענדיק רייפע קולטור קאָן געבן אַ באָדלער'ן, אַ רעמבאָ'ן. ס'איז דאָ אַגעוו קעדאַי צו געדענקען, אַז שאַרל באָדלער'ן געהערט דאָס פיל־באַדייטנדיקע וואָרט:

ווען אַ קינסטלער איז מאָדערן, האָט ער שוין אָפּגעטאָן אַ העלפט פון זיין קינסטלערישער אויפגאַבע און פונקציע.

אין זייער צייט האָבן די מאָדערניסטן באָדלער און רעמבאָ נישט געהאַט — נישט קיין לייענער און נישט קיין שאַצער. היינט זענען זיי מער, ווי אומיץ אַנדערש, די וואונדערבאַרע באַווייזן פון דער הויכקייט, וואָס די פראַנצויזישע וואָרט־קונסט האָט דערגרייכט.

די מאָס פון און פאַר דער אידישער ליטעראַטור, פון איר קולטורעלן ניוואָ און קינסטלערישער רייפקייט וועט אויך זיין — לויט דעם ערלאַכן, עכטן און קאָנאַאישן מאָדערניזם, וואָס זי האָט געהאַט אויפצואווייזן, ווען אָפיציעל איז דער מאָדערניזם געווען אַ דורכפאַל.

א. ל—ם.

# זישאָ לאַנדוי

ווען דער נומער 31 איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע נייס, אַז זישאָ לאַנדוי איז געשטאָרבן. מיר דריקן אוים אונדזער טיפן באַדויער אויף דעם פלוצימדיקן פריצייטיקן טויט פון דעם דיכטער, וואָס איז געווען אַ פירנדיקע פיגור אין דער גרופּע „יונגע".

גרופּע „אינזיך".